# רוקעדיגע קריזיס מאנשאפטן:
# אפט געפרעגטע פראגן

## וואס איז א רוקעדיגע קריזיס מאנשאפט (Mobile Crisis Team, MCT)?

אן MCT איז א קליינע מאנשאפט וואס קען ארומפארן צו צושטעלן אויפן-ארטיגע הילף פאר א מענטש אין קריזיס. MCT'ס גייען אראפ אינטערווענירן פנים אל פנים מיט דעם מענטש אין קריזיס, און אזוי אויך מיט זייערע פאמיליע אדער אנדערע שטיצנדע ארומיגע, כדי צו פארלייכטערן די קריזיס און צו ארבעטן מיט די מענטשן, אפשאצן זייער מצב און זיי פארבינדן מיט די פאסיגסטע סערוויסעס. רוב MCT'ס באשטייען פון סיי פראפעסיאנאלע און סיי באגלייטנדע שטאב מיטגלידער (צום ביישפיל א פראפעסיאנאל מיט א מעסטערס דעגרי און א שטאב מיטגליד וואס איז געווען אין ענליכע מצבים ווי די וועם זיי באגלייטן).

MCT'ס האבן אלע די פאלגנדע ציהלן:

- ארויסהעלפן מענטשן אין קריזיס און העלפן לייזן די קריזיס ווען מעגליך
- אינטערווענירן אין א פלאץ וואו דער מענטש וואס איז אין קריזיס איז די באקוועמסטע און וואו די אינטערווענץ איז די וויניגסטע באגרעניצנדיג (וואס איז אפט אין דעם מענטשן'ס היים אדער אין אנדערע פלאץ אין זייער קאמיוניטי)
- צושטעלן פאסיגע קעיר און שטיצע אן אריינמישן געזעץ אינפארסירונג, עמערדזשענסי רומס אדער האספיטאליזאציע ווען מעגליך
- פארבינדן מענטשן אין קריזיס מיט מעדיצינישע און אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס וואס קענען העלפן שליכטן דעם מצב און פארמיידן צוקונפטיגע קריזיסן

## וויאזוי קען איך צוקומען צו אן MCT פאר מיך אליין אדער פאר איינעם איבער וועם איך בין באזארגט?

סיי וועלכער מענטש וואס איז באזארגט פאר זיך אליין אדער פאר איינעם אנדערש קען רופן אדער טעקסטן 988 אדער שיקן א מעסעדזש דורך די אינטערנעט אויף [nyc.gov/988](https://nyc.gov/988). 988 קאונסעלארס וועלן אפשאצן דעם מצב און אינטערווענירן ווי עס איז פאסיג. אויב דער מענטש איז באזארגט פאר MCT סערוויסעס, וועט 988 שיקן די פאסיגסטע MCT — געווענטליך געוואנדן אויף די עלטער פון דעם מענטש און זייער לאקאציע.

העלט קעיר פראפעסיאנאלן, אריינרעכענענדיג גייסטישע געזונטהייט קעיר פראפעסיאנאלן, קענען אויך אריבערשיקן א מענטש (מאכן א ריפערעל) צו א מאנשאפט פון מאנטאג ביז פרייטאג, צווישן 8 אינדערפרי און 4:30 נאכמיטאג, נוצנדיג 988'ס אנליין ריפערעל בלי אויף [nyc988.cityofnewyork.us/en/crisis-services/mobile-crisis-teams](https://nyc988.cityofnewyork.us/en/crisis-services/mobile-crisis-teams).

## צי שטעלט 988 צו MCT סערוויסעס?

988 מאכט ריפערעלס צו MCT סערוויסעס אבער 988 האלט נישט אויף MCT'ס. MCT'ס ווערן אויפגעהאלטן דורך שפיטעלער מיט סטעיט-לייסענסירטע ארומנעמיגע פסיכיאטרישע עמערדזשענסי פראגראמען (Comprehensive Psychiatric Emergency Program, CPEP) אדער מיט פסיכיאטרישע עמערדזשענסי רומס אדער דורך קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס דעזיגנירט דורך די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון געזונטהייט און גייסטישע וואוילזיין (New York City Department of Health and Mental Hygiene). יעדע בארא האט איין MCT וואס באדינט קינדער און יונגע ערוואקסענע (אלע מענטשן אונטער 21 יאר אלט) אין די בארא. עס זענען דא 19 MCT'ס פאר ערוואקסענע וואס

באדינען מענטשן פון 21 יאר און עלטער אריבער די פינף באראוס.

988 שטעלט אויך צו קריזיס קאַונסעלינג, אינפארמאציע און ריפערעלס 24/7 צו אנדערע אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס דורך די טעלעפאן, טעקסט אדער דורכן זיך שרייבן אנליין.

**<u>ווי שנעל וועט אן MCT זיך אפרופן נאך א ריפערעל ווערט געמאכט דורך 988?</u>**

MCT'ס ציהלן זיך צו אפרופן צו אלע ריפערעלס ווי שנעל עס איז נאר מעגליך. זיי רופן זיך אפ אין אלגעמיין ביז עטליכע שעה'ן נאכן באקומען די ריפערעל. הינזיכטן וואס קענען משפיע זיין אויף ווי לאנג עס נעמט רעכענען אריין:

- אינפארמאציע פון די פלאץ וואס מאכט די ריפערעל איבער ווען עס איז די בעסטע צייט צו אנהויבן ארבעטן מיט דעם מענטש אין קריזיס
- זיך דארפן אפרופן צו אנדערע רופן ערהאלטן אין דעם זעלבן צייט
- טראפיק
- שוועריגקייטן צו אריינקומען אין די הויז אדער צו אן אנדערע לאקאציע

**<u>צי רופן זיך MCT'ס אפ אויף האלידעיס?</u>**

יא. MCT סערוויסעס זענען אוועילעבעל 365 טעג א יאר.

**<u>אין וועלכע שעה'ן זענען MCT סערוויסעס אוועילעבעל?</u>**

MCT'ס שטעלן צו סערוויסעס צווישן 8 אינדערפרי און 8 אוונט, זיבן טעג א וואך.

**<u>ווער איז בארעכטיגט צו באקומען MCT סערוויסעס?</u>**

מענטשן וואס זענען בארעכטיגט צו באקומען MCT סערוויסעס מוזן:

- זיין אין NYC
- אריבערגיין אדער זיין אין סכנה פון אן אויפפירונג געזונטהייט קריזיס
- אין זיין אין פאטענציאלע סכנה פון זיך ווי טוהן אדער ווי טוהן אנדערע, זיין נישט אריענטירט אדער נישט זיין באהאפטן מיט די מציאות, נישט זיין אומשטאנד צו טוהן געווענטליכע אקטיוויטעטן פון די טאג טעגליכע לעבן) אדער בכלל זיין אומרואיג אדער נישט קענען בארואיגט ווערן
- זיין אין א קריזיס וואס קען פירן צו אן עמערדזשענסי אויב עס ווערט נישט באהאנדלט
- זיין נישט וויליג אדער נישט אומשטאנד זיך צו ווענדן פאר- אדער צו אויספאלגן אויפפירונג העלט קעיר אליין אדער מיט די הילף פון א פאמיליע מיטגליד, באגלייטער אדער פריינט אדער זיך נויטיגן אין קורץ-טערמיניגע שטיצע ביז אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס ווערן אוועילעבעל

די מיינונג פון אן אויפפירונג געזונטהייט קריזיס איז א מצב וואס איז נישט קיין לעבנס סכנה אין וועלכע א מענטש גייט אריבער אן אינטענסיווע אויפפירונג, עמאציאנאלע אדער פסיכיאטרישע רעאקאציע וואס קען ארויסגעברענגט ווערן דורך אן אינצידענט וואס געשעהט פארדעם.

**<u>צי ארבעטן MCT'ס מיט מענטשן וואס זענען היימלאז און אויפן גאס?</u>**

MCT'ס ארבעטן אין אלגעמיין נישט מיט מענטשן וואס זענען היימלאז אויפן גאס וועלכע בענעפיטירן אפטער פון היימלאזע קשרים בויאונג סערוויסעס. די מאנשאפטן זענען דעזיינט צו ארומגיין אין געגנטער און זענען מער ווארשיינליך צו טרעפן און אנהויבן ארבעטן מיט מענטשן וואס זענען היימלאז און אויפן גאס מיט הצלחה.

מענטשן וואס זענען היימלאז און אויפן גאס זאלן פארבינדן ווערן מיט א רוקעדיגע בויאונג און מיטארבעט מיט היימלאזע און גאסן שריט מאנשאפט (Homeless Outreach Mobile Engagement and Street Action Team, HOMESTAT) דורכן רופן **311**.

**צי ארבעטן MCT'ס מיט מענטשן וואס וואוינען אין שעלטערס אדער אין שטיצנדע האוזינג?**

יא. MCT'ס וועלן זיך אפרופן צו ריפערעלס פאר מענטשן וואס וואוינען אין א שעלטער אדער אין שטיצנדע האוזינג. אויב דער מענטש וואוינט אין א פלאץ וואס האט אויפן-ארטיגע גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן, וועלן די שטאב מיטגלידער אויפן ארט זיין מער באקאנט מיט דעם מענטש און זייערע באדערפענישן, און דערפאר קענען זיי זיין מער צוגעפאסט צו צושטעלן קריזיס אינטערווענץ. עס קען אויך זיין שווער פאר מענטשן פון אינדרויסן פון די פלעצער צו ערלויבט ווערן צו אריינגיין אין די פלאץ. פאר די סיבות, איז דאס בייהילפיג צו ארבעטן פון די נאענט מיט די שעלטער אדער שטיצנדע האוזינג פראָווײַדער צו עררייכן אן ערפאלגרייכע MCT אינטערווענץ.

**צי ארבעטן MCT'ס מיט מענטשן וואס באקומען שוין סערוויסעס פון אסערטיווע קאמיוניטי באהאנדלונג ( Assertive Community Treatment, ACT), פארענזישע ACT (Forensic ACT, FACT) שעלטער-שותפות'דיגע ACT ( Shelter Partnered ACT, SPACT) אדער אינטענסיווע רוקעדיגע באהאנדלונג (Intensive Mobile Treatment, IMT) מאנשאפטן?**

אין אלגעמיין זענען MCT אינטערווענצן נישט רעקאמענדירט פאר א מענטש וואס באקומט שוין אויפן-ארטיגע באהאנדלונג סערוויסעס פון אן ACT, א FACT, א SPACT אדער אן IMT מאנשאפט. די מאנשאפטן האבן ענליכע פעהיגקייטן און מעגליכקייטן ווי MCT'ס, און דערפאר קען דאס אריינברענגען א נייע סערוויס פראָווײַדער ברענגען אן אומקלארקייט. עס איז אבער וויכטיג פאר דעם מענטש אין קריזיס און פאר סיי וועם וואס מאכט א ריפערעל צו וויסן וויאזוי צו אנקומען צו די מאנשאפטן אין צייט פון א קריזיס.

**צי נעמען MCT'ס העלט אינשורענס?**

MCT'ס זענען אנגעוויזן אויף א געמיש פון רעגירונג פינאנצירונג און אינשורענס איינקונפט צו אנגיין. MCT'ס וועלן אפענעמען אינשורענס אינפארמאציע און אריינגעבן א קלעימס צו אינשורענס פירמעס פאר צוגעשטעלטע סערוויסעס.

**צי קענען מענטשן באקומען MCT סערוויסעס אויב זיי האבן נישט קיין העלט אינשורענס אדער אויב זיי זענען נישט קיין איינוואוינער פון די פאראייניגטע שטאטן?**

יא. MCT'ס רופן זיך אפ צו אלע בארעכטיגט ריפערעלס אפגעזעהן פון די העלט אינשורענס אדער אימיגראציע סטאטוס פון דעם מענטש אין קריזיס.

**ווען פארלאנגט אן אויפפירונג געזונטהייט קריזיס צו רופן 911?**

מיר רעקאמענדירן צו רופן **911** פאר עמערדזשענסיס און זיך צו פארבינדן מיט 988 פאר דרינגנדע מצבים וואס זענען **נישט** קיינע עמערדזשענסיס. ביישפילן פון עמערדזשענסיס רעכענען אריין:

- א מענטש וואס דרוקט אויס מחשבות פון באגיין זעלבסטמארד מיט א פלאן, כוונה און און אויפפירונג זיך צו גרייטן דאס צו טוהן
- אויפפירונג וואס שטעלט א באלדיגע געפאר פאר דעם מענטש אליין אדער צו אנדערע, ווי צום ביישפיל א זיך געפונען אינמיטן פון א זעלבסטמארד פרואוו אדער פאכן מיט א מעסער
- א מענטש וואס דרוקט אויס מחשבות פון באגיין זעלבסטמארד מיט א פלאן און כוונה דאס צו טוהן

אין אן עמערדזשענסי קען **911** שיקן אן אמבולאנס צו טראנספארטירן דעם מענטש צו א CPEP אדער צו א פסיכיאטרישע עמערדזשענסי רום.

אויב איר זענט נישט זיכער מיט וועם זיך צו פארבינדן, רופט אדער טעקסט 988 אדער שיקט א מעסעדזש דורך די אינטערנעט אויף nyc.gov/988 צו פארבינדן ווערן מיט א טרענירטער קאונסעלאר וואס קען אפשאצן די מצב צו באשטימען די פאסיגסטע קומענדיגע שריט, אריינרעכענענדיג פארבינדן ווערן מיט עמערדזשענסי סערוויסעס אדער מיט נישט-פאליצייאישע קריזיס אינטערווענץ סערוויסעס.

3.24 Yiddish